בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## פרשת תצא

פה קרית טאהש יצ"ו

ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש נ"י**

**438-920-4312**

# תורה א

## - א -

**כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלקיך בידך ושבית שביו.** ברענגט רש"י הק' פון ספרי, במלחמת הרשות הכתוב מדבר. אלע ספרים הק' טייטשן די הייליגע ווערטער פון רש"י הק', אין רש"י הק' ליגט דאך אלעס, אפילו הונדערט יאר מ'זאל לערנען רש"י, דארף מען נאך אלץ א פירוש לפירושו, צו פארשטיין וואס נאך ער האט אלץ געמיינט.

**טייטשט** מען אין דעם איין פשט, ס'זענען דא אין די תורה די רמ"ח מצות עשה און שס"ה לא תעשה, אויף די צוויי זאכן דארף א יוד א גאנץ לעבן הארעווען, מקיים צו זיין די מצות עשה ווי ס'דארף צו זיין, און זיך אפצוהיטן פון די לא תעשה ווי ס'דארף צו זיין. נאכדעם איז דא א דריטע זאך, די עניני רשות, א מענטש מעג עסן, ער מעג שלאפן, ער מעג רעדן, ער מעג האנדלען, ס'ווענדט זיך אבער ווי אזוי ער מאכט עס, וואס ער האט אינזין דערביי, אויף דעם קומט די מצות עשה, קדש עצמך במותר לך, מותר איז טייטש ס'איז אויפגעבינדן, מ'מעג עס טון, ס'דארף אבער זיין מיט קדושה, ער זאל עס טון פארן אייבערשטנס וועגן, נישט ווייל ער האט עס ליב, נישט עסן ווי א זולל וסובא, ווייל ס'שמעקט אים זייער, אז ער זעהט אז ער האט זייער ליב א זאך, דארף ער זיך דערווייטערן דערפון.

**מיט** דעם טייטשן די הייליגע ספרים, וואס די משנה זאגט אין אבות (פ"ב מ"ג), הוו זהירין ברשות, שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן, נראין כאוהבין בשעת הנאתן ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו. יעדעס ווארט פון די משנה איז דאך אין הימל געזאגט געווארן, דאס איז מרמז אויף עניני הרשות, הוו זהירין, מ'זאל זיין זהיר ביי דעם, מ'זאל נישט נאכגיין נאך די תאוה, ווייל ס'איז נראין כאוהבין בשעת הנאתן, ווען דער מענטש האט הנאה דערפון, זעהט אויס אז אלעס איז פיין, ס'האט גארנישט שלעכט פאסירט. אבער נאכדעם ברענגט דאס אויפן מענטש דינים רחמנא ליצלן, ווייל אין יעדע זאך זענען דא נשמות, ווי צדיקים זאגן, מ'עסט נשמות, מ'טרינקט נשמות, וואו מ'גייט זענען דא נשמות, אפילו אין א בענקל, אין א דומם זענען אויך דא נשמות. טאמער דער מענטש איז עוסק אין די אלע זאכן לשם שמים, ער זאגט די ברכת הנהנין ערליך, און ער עסט מיט א ערליכע כוונה, און מיט איידלקייט, האבן די נשמות אן עליה, און זיי נעמען זיך אן נאכדעם פארן מענטש, זיי זענען מעורר רחמים אויף דעם וואס האט זיי מעלה געווען, טאמער טוט ער אבער נישט אזוי, ער גיט א כאפ אפ א ברכה, און ער עסט ווי א בעל תאוה, איז ער מצער די נשמות, ער ווארפט זיי אראפ

טיפער, און די נשמות זענען דערנאך מקטרג אויף דעם מענטש, זענען זיי נראין כאוהבין בשעת הנאתן, בשעת'ן עסן און טרינקן זעהט אויס אז אלעס איז פיין, ס'שמעקט אים פיין, אבער ואין עומדים לו לאדם בשעת דחקו, נאכדעם ווערט פון דעם א ענגשאפט, ס'ווערט א קטרוג אויפן מענטש אויף דעם, און די נשמות אליין זענען די וואס זענען מעורר דינים אויף אים, זאגט די משנה גיב אכטונג, הוו זהירין ברשות.

**מ'ווייסט** דער וועלט הייסט אן עולם הבירור, די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן, כדי מ'זאל מברר זיין די ניצוצות פון יעדע זאך, ווייל אזאך וואס איז אויסגעמישט ווערט דאך בטל, ווען אזאך איז בטל ברוב איז עס דאך כמאן דליתא, קען עס נישט האבן א תיקון, אבער אז דער מענטש איז עס בורר מתוך הפסולת, ווערט עס נתעלה. שבת איז דער דין, אז מ'דארף בורר זיין דאס וואס איז גוט, די אוכל מתוך פסולת, אויב איז מען בורר פסולת מתוך אוכל איז מען עובר אויף א לאו. דאס איז מרמז אויף די גאנצע עבודה פונעם מענטש, ער דארף אלץ בורר זיין די אוכל מתוך פסולת, מעלה זיין דעם ניצוץ הקדוש פון די קליפה, אויב ער עסט אבער לשם תאוה, מאכט ער פארקערט, ער הייבט אויף דעם כח פון די פסולת מער, און דער אוכל, דער ניצוץ הטוב, ווערט נאך מער משוקע אין רע, מיטן עסן מאכט ער נאך מער חרוב, אז די ברכה איז נישט ווי ס'דארף צו זיין, און ער עסט ווי א זולל וסובא, פאלן די ניצוצות אראפ.

**דאס** איז מרומז אין דעם פסוק, כי תצא למלחמה, דא רעדט מען פון מלחמת היצר, דארפסט פירן א מלחמה מיטן יצר הרע, זאגט רש"י הק', במלחמת הרשות הכתוב מדבר, דער פסוק רעדט פון די מלחמה ביי עניני רשות, דארט איז דער עיקר מלחמה, דארט דארף זיך דער מענטש זייער היטן, ער זאל נישט נמשך ווערן נאך די תאוה. וואס איז די עצה צו דעם, זאגט דער פסוק אליין, על אויביך, ע"ל איז בגימטריא מאה, אז דער מענטש מאכט די מאה ברכות ווי ס'דארף צו זיין, ער מאכט די ברכת הנהנין ערליך, און ער עסט ערליך, קען ער מיט דעם מעלה זיין דאס עסן, מיט דעם קען ער זיין על אויביך, איבער דעם פיינט, איבער דעם ס"מ, דער נאמען פונעם ס"מ איז אויך בגימטריא מאה, די מאה ברכות זענען לעומת דעם, דורך דעם איז מען מכניע זיין כח, און מען האט א כח מעלה צו זיין דעם מאכל.

**איך** זאג אלץ איבער, דער אר"י הק' איז געווען געוואלדיג הויעך און הויעך, אונז האב מיר נישט קיין השגה ווי ווייט, און די זאכן וואס זענען געשריבן פון אים זענען אויך זייער הויעך, פון דעסטוועגן זענען דא זאכן וואס מ'קען פארשטיין, אפילו נאר א רושם פון די קדושה איז אויך זייער אסאך, מ'קען אלץ כאפן גרויסע זאכן פון די כתבים, וואס לערנען אונז וואס הייסט א יוד. ברענגט רבי חיים וויטאל ז"ל (שער רוה"ק

יח.), אז דער אר"י הק' האט אים געזאגט, טאמער ווילסטו זוכה זיין צו אן השגה, איז דער ערשטער תנאי צו דעם, זאלסט נזהר זיין אין ברכת הנהנין, ער האט אים געזאגט, איך זאג דיר נאכאמאל, אויב דו ווילסט שפירן די נשמה, אז דו ווילסט שפירן א לעכטיגקייט, זאלסטו מכוין זיין בברכת הנהנין, זאלסט וויסן אויב וועסטו מכוין זיין בברכת הנהנין, וועסטו אויפהייבן דאס מאכל, און דאס מאכל וועט דיך אויפהייבן, וועט זיין גרויסע זאכן, אויב ביסטו נישט מכוין, איז זייער ביטער, דאס מאכל איז מגשם דעם מענטש, און ער ווערט פארדרייט פון דעם, דאס ברענגט ער זאל נישט קענען מקיים זיין די תורה אויך נישט, אפילו די מצות עשה און לא תעשה קען ער נישט מקיים זיין ווי ס'דארף צו זיין, וויבאלד די עסן איז זייער מגשם, ס'שלעפט אריין אין שלעכטס אויך, רחמנא ליצלן.

**אויף** דעם זאגט דער פסוק, מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה, דרשנ'ט די גמרא (מנחות מג:), אלו מאה ברכות שחייב אדם לברך בכל יום, דאס פארלאנגט דער אייבערשטער פון דיר. איז דאך זייער שווער, ס'שטייט דאך אין פסוק נאכדעם, וואס דער אייבערשטער פארלאנגט, ליראה את ה' אלקיך ולאהבה אותו, נאר דער פשט איז, אז אלעס איז תלוי אין דעם, אויב דער מענטש זאגט די מאה ברכות ווי ס'דארף צו זיין, קומט ער פון דעם צו ליראה את ה' אלקיך ולאהבה אותו ולשמור כל מצותיו, קען ער היטן אלע מצות ווי ס'דארף צו זיין.

**דאס** איז דער רמז אינעם פסוק ביי אונז אויך, ע"ל אויביך, דורך די מאה ברכות קענסטו זיין איבער דיין פיינט, אים באזיגן, דורך דעם קענסטו מקיים זיין די גאנצע תורה, די מצות עשה און לא תעשה אויך. זאגט דער פסוק ווייטער, אויב חלילה מ'האט נישט אזוי געטון, איז נאך דא א תיקון אויף דעם, ושבית שביו, קענסט נאך צוריקפאנגן די ניצוצות וואס זענען געפאנגן געווארן, ווי אזוי, דורכן שבת קודש, ושבית, איז מרמז אויפן שבת, זאלסט היטן דעם שבת ווי ס'דארף צו זיין, אז דער מענטש איז זיך מדבק צום הייליגן שבת, ער טוט תשובה אויף די גאנצע וואך, ושבית איז א לשון פון תשובה אויך, דעמאלטס טוט דער שבת אלעס ארויפברענגען, האט אלעם אן עליה, אלע ניצוצות פון א גאנצע וואך וואס זענען אראפגעפאלן, קען מען מיטן כח פון שבת צוריק האבן, דאס וואס דער פיינט האט פארכאפט, קען מען דורכן שבת צוריק האבן.

## - ב -

**ממילא** יעצט ווען מ'שטייען מיר אין די הייליגע טעג, ס'איז חודש אלול, זאל זיך דער עולם אויפוועקן אויף דעם, אויף די מלחמת הרשות, יונגע בחורים און גרויסע

בחורים, האבן ליב צו עסן גוט און שלאפן גוט, און מ'האט גארנישט מורא, ביי אזאך וואס איז א רשות, ס'איז נישט קיין מצוה און נישט קיין עבירה, פארגעסט מען אינגאנצן פארוואס מ'טוט עס, דארט שפרינגט מען ארויס פון די כלים, און דאס שטערט דאס גאנצע יודישקייט. אז דער מענטש עסט ווי א זולל וסובא, און ער מאכט נישט ערליך א ברכה, ווערט ער פון דעם ווילד, דאס שלעפט אים אראפ זייער, וועגן דעם האט ער נישט קיין געדולד צו לערנען, און צו רעדן דברים בטלים יא, האט ער נאך מער געדולד, דארט שפירט ער זיך זייער גוט, ער ווערט נאך מער א פלוישער.

**אזוי** ברענגט דאך תוספות (כתובות קד.) פונעם מדרש (תדא"ר פכ"ו), עד שאדם מתפלל שיכנסו דברי תורה לתוך גופו, יתפלל שלא יכנסו מאכלים ומעדנים יתירים לתוך גופו. אז דער מענטש עסט זיסע מאכלים, און איבריגע, קען ער נישט קונה זיין קיין דברי תורה, ער האט נישט קיין געדולד צו קומען אין בית המדרש אריין, ווען ער קומט שוין, שטייט ער אינדרויסן, ער פירט אן שמועסערייען, דאס קומט אלעס פונעם עסן.

**קומט** אויס אז דארט ליגט דער חורבן, ביי די עניני רשות, ער גיט א כאפ א ברכה, און עסט מיט א תאוה זייער, און די נטילת ידים לסעודה ווי אזוי דאס זעהט אויס, ער גיט זיך א וואש, ער גיט נישט אכטונג ווי אזוי ער גיסט דאס וואסער, און ער לייגט דאס טעפל אלץ אין סינק אריין. איך בין מסביר, אלע זאגן ס'איז א סתירה נוראה, דארט וואשט מען אריין די טמנ'ע וואסער, נאכדעם נעמט ער דעם טעפל, ערווארפט עס דארט אריין, אלע לייגן זיי אריין דעם טעפל נאר אין די סינק אריין, ס'ווערט אנגעשפריצט מיט די שמוציגע וואסער, ס'ווערט אנגעקלעבט דערויף, נאכדעם קומט דער אנדערער ווייטער, ער רירט עס אן, און מיט דעם גייט ער זיך וואשן, איך האב שוין געזאגט און געזאגט, און זיי טוען ווייטער דאס זעלבע, די שכחה איז גרויס, איך דארף אלץ איבערזאגן דאס זעלבע נאכאמאל.

**דארף** מען ביי דעם פירן א מלחמה מיטן יצר, מ'זאל פאררעכטן די עניני הרשות, און די נטילת ידים, און די ברכת הנהנין, מ'זאל ארייננקוקן גוט אין הלכות ברכות, און אין הלכות נטילת ידים, און צו יעדע הלכה דארף מען נאך אליין רעכענען, וואס נאך ס'האט א שייכות צו דעם, ס'קען דאך נישט אלעס ארויסשטיין, ס'זענען דא זאכן וואס מ'דארף אליין פארשטיין. אזוי וועט דאס עסן זיין אנדערש, דער קדש עצמך במותר לך וועט האבן אביסל א פנים, מ'וועט זיך געוויינען, מ'זאל דארט אויך זיין צום איבערשטן נאנט, וועט די גאנצע תורה ומצות האבן אן אנדער פנים.

**נישט** אז ביי א מצוה און א עבירה איז מען שוין פערטיג, דארט דארף מען נאך אויך פירן א גרויסע מלחמה, דארט דארף מען נאך אויך גרויס שמירה, גרויס רחמים,

ס'זענען נאך דא פארשידענע עבירות וואס דער מענטש ווערט נכשל, דער בעל דבר פארשטעלט זיך, פארשידענע זאכן וואס דער מענטש טוט, און ער ווייסט גארנישט אז ער זינדיגט, ס'קען זיין ער זאל טון א גרויסער חטא, און דער בעל דבר זאגט אים ס'איז גארנישט. און ביי די קיום המצות דארף מען נאך אויך גרויס רחמים, דער בעל דבר מאכט אלץ קאלט, דער מענטש זאל טון א מצוה אן קיין חיות, ער מאכט עס ביליג ביים מענטש, אויף דעם דארף מען אויך א גרויסע עבודה, דער מענטש זאל מקיים זיין די מצות מיט א התחדשות, מיט א חיות, דער יצר הרע הייסט מלך זקן, ווייל זיין כח איז, אז ער מאכט אלט יעדע זאך, וואו מ'קען, מאכט ער אלץ ביליג די זאך. אויף דעם בעהט מען אל תשליכני לעת זקנה, ס'זאל נישט זיין מיט קיין אלטקייט, נאר אלץ מיט א חיות חדש, תקעו בחודש שופר, זאגט דער מדרש, חדשו מעשיכם, מ'זאל טון די מעשים מיט א התחדשות, דער שופר וועקט אונז אויף דעם, מ'זאל מאכן א דין וחשבון, דין אויף די עבירות, און א חשבון אויף די מצות, ווי אזוי ער האט עס געמאכט.

- ג -

**דארף** מען זיך אויף דעם אלעם אויפוועקן, ס'איז חודש אלול געוואלד, אויף וועם שריי איך, וועם וויל איך אויפוועקן, מיך אליין, אבער איך וואלט געוואלט אז אלע וואס שטייען דא זאלן מיטארבעטן, אז מ'ארבעט אינאיינעם קען מען בייקומען די מלחמה. ווי די ספרים הק' שטעלן זיך אין די פרשה, פארוואס שטייט כי תצא למלחמה, א לשון יחיד, נישט כי תצאו, ווי ס'שטייט אין אנדערע פסוקים א לשון רבים, כי תבואו מלחמה בארצכם. זאגן זיי, דער פסוק וויל לערנען מיט דעם, אז כדי צו באזיגן דעם שונא, מוז מען האבן דעם כח פון אחדות, ווען יודן גייען ארויס אין מלחמה, דארפן זיי זיין אזוי ווי איינס, כי תצא, כאיש אחד בלב אחד, דעמאלטס האבן זיי א כח בייצוקומען דעם שונא, זענען זיי פארזיכערט אז ונתנו ה' אלקיך בידך.

ווי מ'זעהט ווען די יודן האבן געזינדיגט ביים עגל, האט משה רבינו געבעטן דער אייבערשטער זאל זיי מוחל זיין, ער האט איינגעריסן וועלטן, שטייט אין מדרש (שמו"ר מג ה), רש"י הק' ברענגט עס (שמות כ ג), אז דער אייבערשטער אליין האט אים געגעבן א פתח ער זאל קענען ממתיק דינים זיין, מיט דעם וואס ער האט ביי מתן תורה געזאגט א לשון יחיד, אנכי ה' אלקיך, האט משה רבינו יעצט געהאט א טענה, רבוש"ע האסט געזאגט אנכי ה' אלקיך, צו מיר האסטו דאס געזאגט, וואס האסטו טענות צו די יודן, לי אמרת ולא להם. איז דאך זייער שווער, קען מען דען קלערן חלילה אז מ'האט געגעבן די תורה נאר פאר משה רבינו, איי ער האט געזאגט אלקיך, דאס איז ווייל

מ'האט עס געגעבן פאר יעדן יוד עקסטער, נישט נאר פארן כלל, פאר אלע יודן צוזאמען, נאר דער אייבערשטער איז מייחד שמו אויף יעדן יוד עקסטער, יעדער האט זיין פינטעלע, זיין אלקיך, דאס טייטש אנכי ה' אלקיך, אזוי ווי ביי ואהבת את ה' אלקיך, שטייט א לשון יחיד, צו זאגן אז מיט דיין אלקות זאלסטו ליב האבן דעם אייבערשטן. איז דאך שווער צו פארשטיין, וואס האט משה רבינו געזאגט, לי אמרת ולא להם, ווי קען מען זאגן אזא זאך.

**האב** איך געזעהן איין הסבר אויף דעם אזוי, אין אמת'ן וואלט איך דער ענין אליין געדארפט אויסשמועסן א שעה, איך זאג יעדע זאך נאר אביסל, ממש נאר ברמז, ווייל אזוי ווי איך הייב נאר אן, לויפט דורך די צייט, ס'ווערט שוין באלד טאג, אבער ברמז איז אויך א גרויסע זאך, אז א מענטש האט ליב א זאך, אפילו ער קען נאר נעמען עפעס, אפילו נאר א פערטל דערפון, כאפט ער עס אויך. שטייט דער ענין אזוי, משה רבינו האט געזאגט רבוש"ע, ווען דו האסט געגעבן די תורה, בין איך דארט געווען, איך האב זיי צוזאמגעהאלטן, משה רבינו איז דאך געווען דער שושבינא דמלכא, דאס מיינט דער סרסור צווישן אייבערשטן און יודן, משה איז שקול נגד כל ישראל, ער איז דער כללות הדעת פון אלע יודן, און ער בינדט זיי צוזאם, האט ער זיי צוזאמגעהאלטן, מיט זיין כח זענען זיי געווען דעמאלטס איינס, אזוי ווי א גוף אחד, ווי ס'שטייט דארט ויחן שם ישראל נגד ההר, כאיש אחד בלב אחד. נאכדעם אז ער איז ארויף אין הימל, ער איז געווען אויבן דארט ברענגן די לוחות, האט ער שוין נישט אזוי ווייט מקשר געווען די יודן אינאיינעם, ער איז געווען אויף א הויעך פלאץ, האט ער נישט געקענט אזוי ארבעטן דא אונטן, האט זיך דער בעל דבר צוגעכאפט, ער האט געמאכט א פירוד, פון דעם איז ארויסגעקומען דער חטא העגל.

**דאס** האט ער געזאגט, האסט געזאגט אנכי ה' אלקיך, א לשון יחיד, פארוואס, לי אמרת, ווייל איך בין דארט געווען, איך האב זיי צוזאמצוהאלטן, זענען זיי געווען ווי איינס, ולא להם, נישט צו זיי אליין, אז איך בין נישט דארט געווען, זענען זיי נישט געווען מקושר אינאיינעם, האבן זיי נישט געהאט קיין כח זיך צו האלטן, דאס איז געווען דער פתח תשובה, וואס קען מען האבן א טענה צו זיי, אז איך בין געווען אויבן, זענען זיי צופאלן.

**ממילא** ווען יודן דארפן גיין אין מלחמה, דארף זיין זיי זאלן זיך האלטן אינאיינעם, פארדעם שטייט דא א לשון יחיד, מ'דארף גיין כאיש אחד בלב אחד, דעמאלטס קען מען באזיגן אלע שונאים. אזוי אין די טעג, גייט מען אויך אין א מלחמה, מיט די מקטרגים, מ'שטייט דאך פאר א משפט, מ'ברויך גרויס רחמים מ'זאל קענען מנצח זיין, דער אייבערשטער זאל נישט צולאזן יענע זייט, די כח פון די חיצונים,

איז די עצה צו דעם, אז יודן זאלן זיך האלטן אינאיינעם, דאס איז א כח גדול, דעמאלטס קענען זיי נישט צוקומען, די חברה.

**ממילא** לאמיר אינאיינעם גיין צום משפט, לאמיר אינאיינעם פארבעסערן אונזער מצב, פארוואס זאלן מיר נישט ארבעטן אינאיינעם, זיך אריינטון אינאיינעם אינעם לערנען און אינעם דאווענען, ס'זאל זיין תפלה ברבים, און תלמוד תורה ברבים. דערוייל ברויך מען אלץ צו שלעפן דעם עולם, דער גייט דאווענען, און דער לויפט ערשט אין מקוה אריין, דאס הייסט תפלה בציבור (בתמי"ה), דער קומט צו לויפן שפעט, דער האט שוין געזאגט קרבנות, און דער האלט נאך דערפריער, און ביי עלינו לשבח לויפט ער שוין ארויס. איך שריי געוואלד, מ'זאל שטיין אלע אינאיינעם אויף א פלאץ, פון אנפאנג ביזן סוף, מיט א סידור'ל, מיטן גאנצן הארץ, תפלה לעני כי יעטוף, מ'דארף זיך איינהילן אין תפלה, זיך אריינטון דערין אינגאנצן, נישט אז דער קומט דעמאלטס, דער דעמאלטס, אמאל קומט ער יא, אמאל נישט.

**און** דאס תהלים זאגן, וויפיל בעהט איך, מ'זאל זיך אריינטון אין דעם תהלימ'ל מיט הארץ, און ער זאגט ער קען עס נישט פארנעמען, אזוי ווייט פיינט האבן מיר זיך, אז מ'האלט איך זאג אזאך וואס מ'קען נישט פארנעמען, וואס מ'קען נישט אויסהאלטן, און דאס לערנען קען ער דען יא פארנעמען, דער גוף קען דאך גארנישט פארנעמען, מ'דארף אים געוויינען, ער זאל עס פארנעמען. און דאס לערנען איז נאך אויך אזוי אבגעלאזן, וואו זעהט מען שוין דער עולם זאל זיך אריינטון אינעם לערנען, מיט א הבנה, מיט א יגיעה, הארעווען צו חזר'ן און געדענקן, מה אהבתי תורתך זאגט דוד המלך, אז איך האב נאר עפעס ליב דיין תורה, נאר מה, איז שוין כל היום היא שיחתי, שמועס איך א גאנצן טאג אין דעם, און אונז זעמער נאך אזוי ווייט פון דעם.

**ברויכן** מיר אלע מעורר רחמים זיין, מ'זאל רחמנות האבן אויף זיך אליין, לאמיר זעהן ווי אזוי מ'קען זיך מקרב זיין צום אייבערשטן, ס'איז אלול אויף די וועלט, און מ'שטייט נאך אזוי ווייט, מ'האט נאך גארנישט געטאן. ווען מ'טוט טאקע גארנישט וואלט געווען נאר א האלבע צרה, וואס מ'דארף נישט, טוט מען דאך יא, אומוויסנדיג זינדיגט מען צוזאם א געוואלד, דאס מויל איז נישט אפגעהיטן, מ'רעדט צוזאם, און מ'האט נאך גארנישט געגאסן קיין טרערן אויף דעם, ווי אזוי מ'זעהט אויס. דער מענטש ווייסט, יא, אודאי, ס'קומען די הייליגע טעג, ער האט שוין א שופר, א מחזור, א זייץ אויך, און א קיטל אויך, אבער ציטערן ציטערט ער גארנישט, די ווערים אונטער די ערד ציטערן, ווייל זיי וויסן אז ס'גייט א משפט, פיש אונטערן וואסער ציטערן פארן יום הדין, און יודן ברויכן זיך אויך צו פארכטן, צו שטיין גרייט פארן אייבערשטן, מ'זאל קענען די מקטרגים באזיגן, דער אייבערשטער זאל קענען אראפטון זיין רחמים, משפיע

זיין זיין שפע פאר כלל ישראל, שיקן זיין חסד אויף די וועלט, די יאר זאל זיין מיט חסדים רבים, מ'זאל די גאולה שלימה קענען ברענגן.

**ממילא** לאמיר זיך נעמען מיט איין הארץ, מ'זאל צוזאמען זיך אויפוועקן פון שלאף, דורכדעם וועט מען אי"ה מנצח זיין, מנצח זיין איז טייטש, דאס גוטס זאל אונז קומען מיט משפט, ווייל אונז זעמער גערעכט, אויב ס'קומט אונז נישט, דער אייבערשטער טוט נאר ברחמים, האבן מיר נישט באזיגט, דעמאלטס האבן די חיצונים אויך א כח, ווייל אז מ'גיט א מתנת חנם, ווילן זיי אויך א מתנת חנם, זיי קענען כאפן שפע אויף פארשידענע אופנים. ממילא דארף עס גיין במשפט אויך, מלפניך משפטנו יצא, אז ס'גייט מיט משפט, האט יענע זייט נישט קיין כח.

**זאל** מען זוכה זיין יודן זאלן באזיגן, יודן זאלן ווערן געשטארקט, ס'זאל זיין כי גבר עלינו חסדו, די חסד זאל קומען מיט גבורה, מיט דין. און ווי מ'האט געענדיגט היינט די סדרה, מיט די פרשה פון מלחמת עמלק, ביי מלחמת עמלק שטייט, והיה כאשר ירים משה את ידו וגבר ישראל, זאגן חז"ל, כל זמן שישראל מסתכלים כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו נופלים, דעמאלטס וגבר ישראל, און די מקטרגים האבן א מפלה. זאל מען זוכה זיין צו דעם, מנצח צו זיין דעם משפט, ס'זאל קומען א יאר פון אסאך שפע, אסאך ברכה, תחל שנה וברכותיה, די אלע ברכות וואס שטייען אין די פרשה פון כי תבוא, זאלן מקוים ווערן צום נייעם יאר, ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך, וראו כל עמי הארץ, דאס מיינט מען די שרי האומות, די מקטרגים, זאלן זעהן כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך, און ממילא וועט זיין א געבענטשטע יאר, א שנת גאולה וישועה, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ג)

---

## תורה ב

### - א -

**כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלקיך בידך ושבית שביו.** פרעגן די מפרשים, פארוואס דארף מען רעדן פון די יציאה, כי תצא למלחמה, ס'וואלט געקענט שטיין כי תלחם עם אויביך. איז ידוע, אז דער פסוק איז מרמז אויף מלחמת היצר, ביי די מלחמה, אויב דער מענטש גייט נאר ארויס, כי תצא, ער הייבט נאר אן, איז דער פסוק מבטיח, ונתנו ה' אלקיך בידך, וועט דער אייבערשטער אים שוין איבערגעבן, דאס איז דער כלל, הבא לטהר מסייעין אותו, אז דער מענטש הייבט אן, העלפט אים דער אייבערשטער.

**און** סוף פרשה האבן מיר געליינט **זכור את אשר עשה לך עמלק**. דאס רעדט זיך אויך פון מלחמת היצר, אזוי ווי ביי די סדר הברכות, דארף אלץ זיין די חתימה מעין הפתיחה, ווי אזוי די ברכה הייבט זיך אן, אזוי דארף זיין די חתימה נאכדעם, אזוי איז ביי א פרשה אויך דא דער ענין, די מלחמה פון עמלק איז מעין הפתיחה, עס רעדט זיך אויך פון מלחמת היצר, זכור את אשר לך עמלק, צו דיר אליין, דאס איז מרמז אויפן כח היצר וואס געפינט זיך אין יעדן מענטש, אשר קרך בדרך, ער מאכט דיך קאלט, און ער מאכט דיך זינדיגן ווי רש"י ברענגט, מיט דעם דארף דער מענטש פירן א מלחמה.

**ווען** איך נאכזאגן, אויף די פרשה פון מלחמת עמלק, וואס איך האב געזעהן אינעם ספר אורח לחיים פון רבי אברהם חיים מזלאטשוב זי"ע, א תלמיד פונעם זלאטשובער מגיד זי"ע, ער זאגט, לכאורה איז שווער, דער פסוק הייבט אן מיט א לשון יחיד, אשר עשה לך עמלק, נאכדעם זאגט ער, בדרך בצאתכם ממצרים, א לשון רבים. נאך איז שווער, פארוואס דארף מען דערמאנען אז ס'איז געווען בדרך בצאתכם ממצרים, און אז ס'וואלט געווען אין אן אנדערע צייט, וואלט מען אים נישט געדארפט אויסמעקן.

**נאך** שטעלט ער זיך, ער איז מסביר, מ'זעהט אין פרשת מטות שטייט, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים, ס'שטייט נישט נקמת ה', נאר נקמת בני ישראל, דאס מיינט מ'זאל נקמה נעמען פון די מדינים וועגן די יודנ'ס וועגן, ווייל זיי האבן צוגרונד געלייגט די יודן, זיי האבן געברענגט אויף זיי א מגפה, אזוי האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו. אבער ווען משה רבינו האט איבערגעגעבן די מצוה פאר די יודן, האט ער געזאגט, לתת נקמת ה' במדין, זיי זאלן נקמה נעמען וועגן דעם אייבערשטן, מ'זאל אינזין האבן וועגן כבוד ה', ווייל די מדינים האבן מכשיל געווען די יודן, זיי אריינגעכאפט אין זנות און אין עבודה זרה. זאגט דער אלשיך הק' דארט, לעולם זענעןביידע אמת, ס'איז נקמת ה' און נקמת בני ישראל, אבער דער אייבערשטער האט אינזין זיך אנצונעמען פארן כבוד פון יודן, און יודן דארפן אינזין האבן וועגן כבוד פון אייבערשטן. אויב אזוי, פארוואס דא זאגט משה רבינו, זכור את אשר עשה לך עמלק, וועגן דיר, מ'דארף דאך אינזין האבן וועגן כבוד ה', עמלק האט דאך געמאכט זינדיגן די יודן, און ער האט פוגם געווען דעם שם, אין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק, דארף מען דאך אינזין האבן וועגן כבוד ה', און אין פרשת בשלח שטייט טאקע דאס לשון, מלחמה לה' בעמלק, פארן אייבערשטן דארף מען דאס טון, פארוואס שטייט דא את אשר עשה לך.

**זאגט** ער פשט אזוי, אין מצרים ווייסט מען, ווען יודן האבן געדארפט ווערן אויסגעלייזט, זענען זיי געווען אין די מ"ט שערי טומאה, טאמער גייט מען חלילה אריין אין שער החמשים של טומאה, קען מען שוין נישט ארויסקומען, האט דער אייבערשטער זיי ארויסגענומען מיט אן אתערותא דלעילא, אין די לעצטע רגע האט ער זיי ארויסגענומען, און אריינגעברענגט אין די שער החמשים של קדושה. פארשטייט זיך, יודן האבן אויך געטון צו דעם, זיי האבן תשובה געטון, דער אייבערשטער האט געזאגט, משכו ידיכם מעבודה זרה וקחו לכם צאן של מצוה, זיי האבן זיך מוסר נפש געווען צו נעמען דעם טלה, ס'איז געווען דער נס פון שבת הגדול, און דם מילה איז אויך געווען, דאס אלעס איז געווען א הכנה צו די יציאת מצרים, אן אתערותא דלתתא איז אויך געווען אביסל, וויפיל מ'האט געקענט, אבער מיט דעם איז מען נאך נישט ווערד געווען, דער אייבערשטער האט זיי ארויסגענומען מיט חסד, און אריינגעברענגט אין חמשים שערי בינה, און ווי דער זוה"ק זאגט (ח"ג מו.), וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים, דורכן התגלות פונעם שער החמשים זענען זיי ארויסגעגאנגען פון מצרים.

**נאכדעם** האט מען דאס צוגענומען פון זיי, נישט אינגאנצן, א רושם איז געבליבן, מיט דעם כח פונעם רושם האט מען אנגעהויבן גיין ניין און פערציג טאג, יעדן טאג האט מען משיג געווען נאך א שער, מ'זאל ביי מתן תורה צוריקקומען צו דעם שער החמשים. איז געקומען דער עמלק, ער האט זיך אריינגעמישט, דעם שער החמשים וואס מ'האט משיג געווען ביי יציאת מצרים, און יעצט האט מען געארבעט דאס צוריקצונעמען, האט ער געוואלט צונעמען, ער איז געקומען דאס אוועקכאפן. דאס איז מרמז, זכור את אשר עשה 'לך' עמלק, לך באטרעפט פופציג, דער כח פונעם שער החמשים, האט ער געוואלט טשעפענען, ער איז געקומען קאלט מאכן, אפשטעלן פון די עבודה, דאס טייטש בדרך בצאתכם ממצרים, דאס וואס מ'האט זוכה געווען ביי יציאת מצרים, און מ'האט יעצט אויפן וועג געארבעט דאס צוריקצובאקומען, האט ער צורודערט, ער האט דאס געוואלט צושטערן חלילה.

**קומט** אוים, דער פסוק זאגט זכור את אשר עשה לך, וועגן דיר, אבער אין דעםווארט אליין איז מרומז וועגן דעם אייבערשטן, וועגן די השגה אין עבודת ה', משיג צו זיין די חמשים שערי בינה, וועגן דעם דארף מען מיט אים מלחמה האלטן, דאס איז דער מלחמת ה', מלחמה לה' בעמלק מדור דור.

## - ב -

ווייל איך זאגן אזוי, יעצט גייען מיר אויך אויף דעם זעלבן וועג, אזוי ווי ביי יציאת מצרים, אום חודש אלול דארפן מיר אויך משיג זיין דעם שער החמשים של בינה,

דאס איז תשובה, תשובה קומט פון בינה, ולבבו יבין ושב ורפא לו, תשובה איז דער שער החמשים, אזוי ווי דער שער החמשים איז א סוד, איז תשובה אויך א סוד, תשובה קדמה לעולם, ס'איז העכער פון די סדר העולם. און דער עמלק, דער ס"מ, לאזט דאס נישט צו, ער וויל דאס שטערן, מ'זאל נישט קענען משיג זיין דעם שער התשובה. פארדעם ליינט מען יעצט די פרשה, אזוי ווי פאר פורים ליינט מען עס, ווייל ס'איז דעמאלטס די צייט, פורים האט מען געהרג'ט די עמלקים, איז דעמאלטס הזמן מעורר הקריאה, יעצט איז הקריאה מעורר הזמן, יעצט איז עס אין די סדר פון די סדרות, און ס'קומט מעורר זיין צו דעם זמן פון די הייליגע טעג, מ'זאל פירן א מלחמה, מ'זאל צוריקכאפן דעם שער התשובה וואס עמלק וויל אוועקכאפן.

ווי אזוי מאכט ער דאס, דער עמלק, ווי אזוי כאפט ער אוועק דעם כח התשובה. זאגן די ספרים הק', אז לעולם האט א יוד דעם כח התשובה אין זיך, דאס איז די נקודה הפנימית וואס ליגט אין הארץ, די נקודה האט קיינמאל נישט פוגם געווען, דאס ווערט אנגערופן עוד, ווייל וויפיל א מענטש זאל זינדיגן חלילה, בלייבט דאס נאך, אויף דעם שטייט, אהללה ה' בעודי, ואני בעודי אהללה בוראי, מיט דעם כח פונעם 'עוד' לויב איך דעם אייבערשטן, דער גרעסטער בעל עבירה חלילה וחס, איז משתוקק תשובה צו טון, וועגן דער כח פון די נקודה הפנימית וואס ליגט אין אים, מיט דעם כח קען ער צום אייבערשטן צושפרינגען, כאטש ווי ווייט ער איז. נאר דער גוף פארשטעלט דעם כח, ער מאכט עס טונקל, קומט עמלק און הייבט אויף דעם כח הגוף, עמלק איז בגימטריא ר"ם, ער הייבט אויף דעם כח היש, מיט דעם פארשטעלט ער, ער וויל דער מענטש זאל נישט שפירן דעם כח התשובה וואס ליגט אין אים.

איז די עצה צו דעם, דער מענטש זאל אויפוועקן די נקודה הפנימית, ער זאל רעדן צום אייבערשטן מעומק הלב, דאווענען מעומק הלב, און לערנען מעומק הלב, מיט א פנימיות הלב, מיט דעם וועקט זיך אויף דער כח הפנימי, און ממילא מעקט מען דורכדעם אפ דעם עמלק, און מ'איז זוכה צו תשובה. און ווי דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע טייטשט, אין פרשת כי תשא שטייט, ויעבור ה' על פניו ויקרא ה' ה', זאגט ער פשט אזוי, ויעבור ה' על פניו, אויב א יוד זעהט אז די שכינה גייט דורך איבער אים, דאס מיינט ער באקומט א הארת פנים, ער דערמאנט זיך פון באשעפער, פון וואנדט נעמט זיך דאס, פון וואנדט איז דאס געקומען. ויקרא ה' ה', דער ה', דער חלק אלו'ה ממעל וואס ליגט אין אים, רופט דעם אייבערשטן, דער חלק ה' שרייט ה', פון דארט קומט דאס וואס ער שפירט א הארת פנים פון אייבערשטן, ווייל אז דער חלק אלו'ה וועקט זיך אויף אינעם מענטש, הייבט ער אן שפירן דעם אייבערשטן.

ביי פנחס שטייט, פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, זאגט רש"י הק', לפי שהיו השבטים מבזין אותו, ראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לעבודה זרה ובא והרג נשיא שבט מישראל, בא הכתוב ויחסו אחר אהרן. זאגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע, אויפן פלאץ דארט, איז ער מסביר וואס רש"י מיינט, וואס האב איך אויפגעטון אז איך זאג ער איז א נין אהרן, ער איז דאך אן אייניקל פון יתרו אויך. זאגט ער, מ'מיינט נישט צו זאגן אז זיי האבן אים מבזה געווען, נאר זיי האבן זיך געוואונדערט, פון וואו האט פנחס זוכה געווען צו דעם, צו טון אזא גרויסע זאך, מציל צו זיין כלל ישראל, פון וואנדט האט ער געוואוסט אז מ'דארף אזוי טון, ער איז דאך אן אייניקל פון יתרו. זאגט די תורה, ער איז דאך אן אייניקל פון אהרן, דער כח פון אהרן האט געברענט אין אים, פון דארט האט ער געהאט דעם גרויסן כח.

די אייגענע זאך קען מען זאגן אויף יעדן יוד, פון וואנדט נעמט זיך צו אים אזא זאך, אז ער ווערט נתעורר צו דינען דעם אייבערשטן, און ער קערט זיך צוריק צום אייבערשטן, אפילו ווען ער איז פארזונקן אין שלעכטס. דער תירוץ איז, ער האט אין זיך א גרויסן כח, א געטליכע פייער, מבשרי אחזה אלו'ה, אין דעם בשר, אין דעם גוף, איז באהאלטן דער כח אלו'ה, דאס איז אן אור פונעם שם הוי"ה וואס איז מאיר אין יעדן יוד, כי חלק הוי"ה עמו, דער חלק פון שם הוי"ה ליגט אין עמו, יעקב חבל נחלתו, מיט דעם איז א יוד צוגעבונדן ווי מיט א שטריק צום אייבערשטן, ווען דאס וועקט זיך אויף, קען ער צושפרינגן צום אייבערשטן.

און ווי די ספרים הק' זאגן, אז די אומות העולם זענען מקבל חיות נאר דורכן שם אלקים, מלך אלקים על גוים, אפילו די מלאכים זענען אויך מקבל נאר דורכן שם אלקים. דער שם אלקים נעמט אויך פון שם הוי"ה, אודאי, אלעס קומט דורכן שם הוי"ה, ס'איז נישט פארהאנען אנדערש, הוי"ה הוא האלקים, דער כח פון שם אלקים איז אויך פון שם הוי"ה, אבער ס'איז מלובש אינעם שם אלקים. די גאנצע בריאה איז געווען מיטן שם אלקים, בראשית ברא אלקים, ויאמר אלקים, ווייל מ'האט געמוזט מצמצם זיין דעם אור פון שם הוי"ה, די וועלט זאל נישט בטל ווערן במציאות. אבער יודן זענען מקבל פונעם שם הוי"ה אליין, אן דעם לבוש פון אלקים, כי חלק הוי"ה עמו, הוי"ה אורי וישעי, דער שם הוי"ה איז מיין אור און מיין ישועה, ווייל איך האב דעם גרויסן כח, קען איך צוקומען צום אייבערשטן. דאס טייטש ויקרא הוי"ה, דער שם הוי"ה וואס ליגט אין א יוד, שרייט צום אייבערשטן, און דורכדעם ויעבור ה' על פניו, שפירט ער דעם אייבערשטן.

- ג -

**ממילא** איז דאך נישט קיין דאגה, ווי אזוי מ'נעמט זיך צו תשובה אין דעם חודש, מ'האט דאך אין זיך דעם גרויסן כח, מ'דארף דאס נאר אויפוועקן, אז דער מענטש שרייט צום אייבערשטן, און ער לערנט און דאווענט מיט א פנימיות הלב, וועקט זיך אויף אין אים דער כח. דאס וואס א מענטש זאגט 'רבונא דעלמא כולא', אדער 'רבונו של עולם העלף', קומט אויך פון דעם כח אלו'ה וואס איז אין אים, דאס שרייט ארויס, און דאס איז מעורר א געוואלדיגער אור, דאס שטופט אוועק אסאך חושך, דער כח החושך קומט פונעם גוף, ווייל דער גוף האלט זיך פאר א יש, ער האלט ער איז אויך עפעס, אבער אז ער וועקט אויף די נשמה, שטופט ער דאס אוועק.

**אבער** דער גוף זאל זיין געזונט און שטארק וויל דאס נישט, ער לאזט דאס נישט צו, ער וויל נאר אז דער מענטש זאל מיטן גוף זיין פארנומען, ער זאל אינזין האבן אלץ נאר די פרנסה, אויף דעם קרעכצט ער אלץ,ליידער פרנסה, און ער איז פארנומען צו קוקן אלעם וואס ס'טוט זיך אין די וועלט, אלע נייעסן מוז ער הערן, דאס איז דער גוף, ער וויל אויספירן זיינס. און צו דעם האט מען אויך א נפש הבהמית וואס פארשטעלט, און די עבירות וואס מ'האט געטאן פארשטעלן אויך, פון דעם גלגול און פון פריער'דיגע גלגולים, און דער אויר העולם פארשטעלט אויך, די לופט איז פול מיט כחות החיצונים וואס פארשטעלן.

**איך** האב נאכגעזאגט די וואך, אז בשעת'ן מבול האט מען געברויכט מטהר צו זיין די גאנצע וועלט, נישט נאר די מענטשן האבן געדארפט שטארבן, נאר אפילו די ארץ אליין האט מען געברויכט מטהר זיין, און נישט נאר די ארץ דא אונטן, נאר אויך די ארץ עליונה, די מדת המלכות ווערט אנגערופן ארץ, ס'זענען דא צעהן ספירות, מלכות איז די לעצטע, די אונטערשטע, הייסט עס ארץ. די מדת המלכות ברענגט די שפע פון עולם האצילות צו אלע עולמות, אלע עולמות זענען מקבל פון ספירת המלכות דאצילות. און די חיצונים, די ע' שרים האבן אויך דארט א מדור, וואס זיי באקומען פון דארט, אויסגעמאסטן, וויפיל זיי מעגן באקומען שפע, אבער טאמער מענטשן זינדיגן חלילה, קומען די חיצונים, זיי ווילן יונק זיין פון דארט מער וויפיל ס'קומט זיי, זיי ווילן נעמען נאך, זיי פארפירן, זיי ווילן האבן די גאנצע, רחמנא ליצלן.

**איז** בשעת'ן מבול געווען וירא אלקים את הארץ והנה נשחתה, די מדת המלכות איז נשחת געווארן, חרוב געווארן, ז' איז געווארן ארומגענומען, די סטרא אחרא האט זיך פארלייגט, דאס ארומגענומען, מ'האט נישט געקענט ארויסקריכן, מ'האט נישט געקענט פון זיי פטור ווערן, ווערגן די פילע זינד. האט דער מבול מטהר געווען, די וועלט אונטן רעד איך נישט, נאר אפילו די ארץ עליונה, די מדת המלכות איז דורכן

מבול געווארן גערייניגט, די סטרא אחרא האט זיך צוריקגעשטעלט אין א זייט, ער האט נישט מער קיין שליטה, אזוי האט מען אנגעהויבן א נייע וועלט. און דער אייבערשטער האט געשווארן, אז מער וועט שוין נישט זיין אזוי, אויף דעם אופן, אז זיי זאלן זיך קענען פארלייגן אויף די ארץ עליונה, אפילו אויב מ'זינדיגט חלילה, בלייבט די מדת המלכות ווי ס'דארף צו זיין.

**אבער** זיי שטארקן זיך נאך אלץ, זיי ווילן יונק זיין, די התגברות החיצונים איז דא, און דאס פילט אן דעם גאנצן אויר הארץ, און דאס פארשטעלט. אבער פרייטאג נאכמיטאג ווערט דער אויר גערייניגט פון זיי, דעמאלטס ווערט נתפשט אוירא דארץ ישראל אויף די גאנצע וועלט, פארדעם שטייט (סעה"כ דרושי סדר שבת), אז ערב שבת איז נישטא קיין חיבוט הקבר, שוין פון שעה חמישית, ווייל דער אור פון שבת נעמט עס אראפ. דער רבי ר' מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע, זאג איך אלץ נאך, רוב פון זיין פאָרן איז געווען פרייטאג נאכמיטאג, ווייל דער אויר איז מער ריין, האט ער געקענט מער פארנעמען, ער איז דאך געפארן מכניע צו זיין די קליפות, דעמאלטס איז עס געווען גרינגער.

**על** כל פנים, זענען דא די אלע זאכן וואס פארשטעלן, אבער דער יוד האט אין זיך דעם גרויסן כח, דעם שם הוי"ה, דאס איז שטערקער פון די אלע שטערונגען, דאס איז אן אש גדול ונורא, מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה, אלע שטורעמעס, כאטש וואס ס'זאל קומען אויפן מענטש, אפילו די נסיונות פון די אחרית הימים, כאטש ווי טונקל ס'איז, די אהבה וואס א יוד האט אין זיך קען מען נישט פארלעשן, ונהרות לא ישטפוה, דאס איז דאך א שם, א שם קען מען נישט פארלעשן, ואלה שמות בני ישראל, יודן זענען באצייכנט מיט שמות, א יוד איז א שם הוי"ה ממש, און מיט דעם כח קען ער אלץ שרייען צום אייבערשטן, ויקרא ה' ה', ווי דער הייליגער בארדיטשובער טייטשט. אז ער טייטשט אזוי, טייטשט מען אין הימל זיכער אזוי, אין יעדעס ווארט פון די תורה זענען דא ששים רבוא פירושים, דאס איז זיכער איינע פון די פירושים.

- ד -

**ממילא** איז אזוי, ס'איז די הייליגע טעג יעצט, ס'איז ימי רצון, ס'זענען שוין צוויי וואכן דורכגעלאפן פון דעם אלול, און אונז זעמער אלע זייער צוריקגעבליבן מיט די ארבעט, דער עמלק שטעלט אזוי אונטער, אז דער מענטש זאל נישט פארשטיין אז ער דארף תשובה טון, ער פארשטעלט דעם כח התשובה, דער גוף שפירט זיך זייער גוט, ער שפירט זיך זייער באקוועם, דער מענטש איז פארנומען צוצושטעלן וואס דער גוף דארף, און פארן אייבערשטן האלט ער גארנישט אז ער איז עפעס שולדיג, צו דעם

דארף ער גארנישט צושטעלן, ער האלט אז ער טוט גאר א טובה פארן אייבערשטן, ער מאכט גליקליך אז ער קומט צום דאווענען, צום לערנען, ער האט גארנישט קיין עול אז ער דארף זיך צוגרייטן צו א דאווענען. ווען מ'וואלט געווען א חסיד פונעם דאווענען, וואלט מען פארשטאנען, אז מ'דארף כאטש א דריי שעה פריער אויפשטיין, כדי מ'זאל זיין גרייט, דערוויל שטייט ער אויף ווען ער וויל, ער גייט דאווענען ווען ער וויל, ווי די הימלן ווארטן אויף אים, ער זאל קומען דאווענען, ער זאל קומען לערנען, ער מיינט ער מאכט גליקליך וויים איך וועמען. ס'איז אזוי קאלט, אזוי פארשטעלט, נישט במרד ובמעל, נאר מ'האט נישט קיין השגה אין יודישקייט.

**זאל** יעדער אויף זיין אופן זיך אויפוועקן, זעהן ווי אזוי ער קען צוקומען צו תשובה, ס'זענען דא פארשידענע אופנים, פארשידענע פתחים ווי אזוי מ'קען צוקומען, פארשידענע היכלות, די טויערן פון תשובה זענען אפן, מ'קען אריינקומען דערין, און דער אייבערשטער ווארט אויף תשובה, די גאנצע וועלט איז געבויעט אויף תשובה, תשובה קדמה לעולם, און תשובה האט נישט קיין שיעור, דער אייבערשטער איז גרייט אונז מקבל צו זיין בתשובה, און ער וועקט אונז אויף צו תשובה, ער פירט די מלחמה פאר אונז, מלחמה לה' בעמלק, ער פירט עס, דער אייבערשטער זאגט מחה אמחה את זכר עמלק, ס'דארף אבער אויך זיין תמחה את זכר עמלק, אונז ברויך מיר אליין אויך טון, וועט דער אייבערשטער צוהעלפן, כי תצא למלחמה על אויביך, דו דארפסט אנהייבן, נאכדעם ונתנו ה' אלקיך בידך.

**דארף** מען זיך נאר ערוועקן, מ'זאל ערוועקן דעם כח התשובה וואס ליגט אין אונז, דער כח הפנימי זאל שרייען צום אייבערשטן, ממעמקים קראתיך ה', פון טיפקייט, מעומק הלב זאל מען צוגיין צום אייבערשטן, ה' שמעה בקולי תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני, דער קול מיינט די פנימיות, ווייל דער קול ברענגט ארויס די פנימיות פונעם מענטש, ווי ס'שטייט הקול מעורר הכוונה, און ווי די גמרא זאגט (שבת קיט.) כל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כחו, זאגן רש"י און תוספות, בכל כחו, בכל כוונתו, ווייל ווען דער מענטש זאגט ווערטער בכל כחו, מיט א קול גדול, קול ה' בכח, וועקט זיך אויף די כוונה, די פנימיות פונעם מענטש. בעטן מיר, ה' שמעה בקולי, הער צו צום קול, דאס מיינט צום כח הפנימי וואס שרייט צו דיר, תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני, צו די געבעט פון דעם קול, פון די פנימיות. זאגט מען נאכדעם כי עמך הסליחה, דאס וואס מיר האבן דעם כח התשובה, איז אויך פון דיר, דו גיבסט אונז דעם כח, מיר קענען גארנישט אליין, בעטן מיר דער אייבערשטער זאל אונז חונן דעת זיין, ער זאל אונז ווייזן, ער זאל אונז דערלייכטן דעם וועג, מ'זאל וויסן וואו מ'מאכט דעם פעלער, און ווי אזוי מ'קען מאכן דעם תיקון, דער אייבערשטער וויל דאך

דאס, כי לא יחפוץ במות המת, בעטן מיר ער זאל אונז העלפן, אונז זאל מיר דאס קענען טון.

ווען מיר זיך צוזאמען, און איך בעהט יעדער זאל זיך אייזן, יעדער וויל דאך די גאולה שלימה זאל זיין ווי געשיקטער, דארף מען דאך זיין געשיקט, זיך איילן שטארק. יעדער וויל ס'זאל קומען א גוט יאר, יעדער וויל דאס ממש, מ'פארפירט, מ'וויל שוין וויסן זיכער אז ס'וועט זיין א גוט יאר, יעצט קען מען אלעס אויספועל'ן, אזוי ווי מ'זאל זאגן פאר א מענטש, אין די שעה קענסטו האבן א ישועה אויף א גאנץ יאר, וועט ער דאך אויסניצן די שעה, דאס זענען די יעצטיגע טעג, פון די טעג קען מען אלעס ממשיך זיין אויפן גאנצן יאר, אלע ברכות און ישועות. דארף מען צו דעם ארבעטן צוזאמען, מ'דארף מיטהעלפן, ס'דארף קומען מיטן כח הרבים, יעדער זאל מיטהאלטן מיטן ציבור, ביים לערנען און ביים דאווענען, ס'זאל זיין תלמוד תורה דרבים, אז מ'קומט לערנען אין בית המדרש, אפילו מ'לערנט עקסטער, יעדער זיין לימוד, וויבאלד ס'איז אין איין פלאץ, אין איין שטוב, הייסט עס תלמוד תורה דרבים, און מ'לערנט א שיעור אינאיינעם אויך.

און אזוי דארף זיין תפלה בציבור, און אזוי ביי יעדע זאך זאל מען ארבעטן צוזאמען, יעדער זאל זיך אויפוועקן פון שלאף, מ'זאל קוקן אין די ספרים, מ'זאל לערנען מקרא משנה גמרא אויף די טעג, און צו דעם דארף אלץ זיין דער חלק אגדה, דער חלק אגדה איז די יראת שמים, סיי די אגדה פון ש"ס, סיי די אגדה פון מקרא, מ'זעהט למשל דער אור החיים הק', האט געמאכט זיין פירוש על התורה, ער איז געווען געוואלדיג גרויס, ער האט געשריבן פירושים אויף ש"ס און אויף שלחן ערוך בדרך נגלה אויך, אבער דא האט ער געמאכט א פירוש, וואס דער עיקר דערפון איז בדרך אגדה, דא איז ער מסביר די יראת שמים, מ'זאל האבן א השגה וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז, ווי אזוי א יוד ברויך זיך צו פירן, דאס איז א חלק פון די תורה, אזוי אלע ספרים וואס זענען געשטעלט אויף דעם, און דאס ברויך מען לערנען, צוזאמען מיט מקרא משנה גמרא מוז אלץ זיין אויך דער חלק אגדה שבתורה.

- ה -

אז מיר וועלן אלע ארבעטן אזוי, וועלן מיר אויספועל'ן א שנת גאולה וישועה, רוב האט מען שוין אויסגעפועל'ט, אונז זעמער דאך נישט די ערשטע דא אויף דער וועלט, ס'זענען שוין געווען די אבות אויף די וועלט, און די שבטים הק', און די תנאים ואמוראים, און אלע צדיקים אין אלע דורות, וויפיל האבן זיי געטון, וויפיל האבן זיי זיך שוין מוסר נפש געווען, מ'האט שוין געדינט דעם אייבערשטן, רוב האט מען שוין

אויסגעפועל'ט, ממילא זענען מיר דאך נישט אליין, ס'זענען דא די כחות פון די צדיקים, פון עולם העליון, פון יודן וואס האבן שוין אויפגעהויבן די וועלט, צוגעגרייט די וועלט צו די גאולה. רבי ר' אלימלך זי"ע האט געזאגט בימיו, אז דער מקדש של אש איז שוין גרייט, נאר דער ארון פעלט נאך, דאס האט ער געזאגט דעמאלטס, ער האט געוואוסט גוט וואס ער האט געזעהן. איז דאך נישט אז מ'האט גארנישט אויפגעטאן ביז היינט, מ'האט שוין רוב געטאן, מ'האלט שוין ביים סוף, נאר ס'איז נאך נישט פארטיג אינגאנצן, דער אייבערשטער ווארט נאך אויף אונז, יעדן טאג ווערט געבויעט ירושלים, בונה ירושלים ה', א לשון הווה שטייט, דורך אונזער תשובה בויעט מען עס, און דער אייבערשטער העלפט אונז צו צו די תשובה, ער שיינט אונז אריין כסדר פארשידענע אורות וואס זענען אונז מסייע צו תשובה, די אלע מצות התורה זענען דאך אורות גדולות וואס זענען מסייע.

ווי מ'האט היינט געליינט למשל, די מצוה פון ציצית, גדילים תעשה לך על ארבע כנפות כסותך אשר תכסה בה, דא שטייט די מצוה פון עטיפת ציצית, מ'מאכט א ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להתעטף בציצית, וואו שטייט אז ס'דארף זיין להתעטף, איין פשט איז, ווייל ס'שטייט דאס לשון בגד, ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם, און א בגד איז עשוי להתעטף בו, דאס איז איין וועג. נאך א וועג איז, אז ס'קומט פון דא, דא שטייט ארויס אין פסוק אשר תכסה בה, די מצוה איז נישט סתם אנטון, נאר ס'זאל איינהילן, ארומנעמען. דאס איז אן אור מקיף, ס'נעמט ארום דעם מענטש, ס'היט אים, פארדעם איבער די הונדערט יאר גיט מען מיט דעם טלית, דאס זאל איינהילן און אפהיטן פון די חיצונים.

**ממילא** האבן מיר דאך גרויסע אורות, דער אייבערשטער נעמט אונז ארום, ער היט אונז, מיט אן אור מקיף און אן אור פנימי, לעושה אורים גדולים, צוויי מיני אורות, כי לעולם חסדו, מיט זיין גרוים חסד גיט ער ביידע. און אזוי אלע תורה ומצות זענען גרויסע אורות, כי נר מצוה ותורה אור, כי באור פניך נתת לנו ה' אלקינו תורת חיים, ער שיינט אונז אריין מאור פניו, יאר ה' פניו אליך, ישא ה' פניו אליך, דער אייבערשטער גיט אונז הארת פנים, און מיט דעם כח וועט מען אויספועלן א גוט יאר, ס'וועט נמשך ווערן אלע ברכות אויף די גאנצע וועלט, און פון די גאנצע וועלט, ווי מ'זאגט אין אהבה רבה, מהר והבא עלינו חיים ברכה ושלום מהרה מארבע כנפות הארץ. און ס'וועט זיין תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו כי חק לישראל הוא, חק טייטש פרנסה, חק לישנא דמזוני, דאס מיינט שפע, ראש השנה וועט דער אייבערשטער געבן חק לישראל, שפע אויף א גאנץ יאר, משפט לאלקי יעקב, ס'איז א משפט פארן אייבערשטן אויך, אז יודן געווינען דעם משפט, געווינט דער אייבערשטער

אויך, ער איז אויך כביכול אינעם משפט, דורך די יודן ווערט נתקדש זיין נאמען, ס'זאל זיין יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ח)